DSS-31 (Y) 07/14/2025 (page 1 of 2)
(E) 05/19/2025 LLF

# וואס איר זאלט וויסן וועגן FHEPS אדער CITYFHEPS אײנקויף בריוון און יוטיליטיס
## (Yiddish)

FHEPS קען ווערן גענוצט צו דינגען אן אפארטמענט אין די פינף (5) באראוס פון ניו יארק סיטי. CityFHEPS קען ווערן גענוצט צו דינגען אן אפארטמענט סיי וואו אין ניו יארק סטעיט אדער צו דינגען איין צימער אין אן אפארטמענט אדער אן איינצעלנע צימער אקופירונג (SRO) יוניט אין די פינף (5) באראוס פון ניו יארק סיטי. די רענט און יוטיליטי סומעס וואס שטייען אויף די דאקומענט זענען נאר גילטיג פאר FHEPS טענענטס אדער פאר פאטענציאלע CityFHEPS טענענטס וואס ציען זיך אריבער צו א פלאץ אין ניו יארק סיטי.

אויב איר זענט א פאטענציאלע CityFHEPS טענענט און איר וועט זיך ארויסציען פון ניו יארק סיטי, אבער בלייבן אין ניו יארק סטעיט, זאלט איר ביטע גיין אויף די DSS CityFHEPS וועבזייטל צו זען די סומעס פון די גאנצע סטעיט אויף https://www.nyc.gov/site/hra/help/cityfheps-documents.page.

די סומע אויף די איינקויף בריוו איז די מאקסימום סומע וואס איר קענט באצאלן פאר דינגען אן אפארטמענט ווען אלע יוטיליטיס אזויווי הייצונג, הייסע וואסער, עלעקטריציטעט און גאז פאר קאכן זענען אריינגערעכנט.

די טאוול אונטן וועט אייך העלפן טרעפן די מאקסימום רענט סומע פון אייער וואטשער אויב איר זענט פאראנטווארטליך צו באצאלן טייל פון די יוטיליטיס:

| גרויסקייט פון פאמיליע | צאל פון שלאף צימערן | באצאלונג סטאנדארט* (גילטיג 07/01/2025) |
|---|---|---|
| 1 | SRO** | $1,985 |
| 1 | סטודיא | $2,646 |
| 1 אדער 2 | 1 | $2,762 |
| 3 אדער 4 | 2 | $3,058 |
| 5 אדער 6 | 3 | $3,811 |
| 7 אדער 8 | 4 | $4,111 |
| 9 אדער 10 | 5 | $4,728 |
| 11 אדער 12 | 6 | $5,345 |
| 13 אדער 14 | 7 | $5,962 |
| 15 אדער 16 | 8 | $6,579 |
| 17 אדער 18 | 9 | $7,196 |
| 19 אדער 20 | 10 | $7,812 |

* די באצאלונג סטאנדארטן אין די טאוול אויבן זענען די סומעס פון מאקסימום רענט אויב אלע יוטיליטיס זענען אריינגערעכנט אין די ליעס.

** SRO איז בלויז גילטיג פאר CityFHEPS

(מישט די בלאט)

# וואס איר זאלט וויסן וועגן FHEPS אדער CITYFHEPS
# איינקויף בריוון און יוטיליטיס *(פארגעזעצט)*

**<u>וויאזוי קען איך אויסגעפונען וועלכע יוטיליטיס זענען אריינגערעכנט?</u>**

- די פארגעשלאגענע ליעס וועט אייך זאגן וועלכע יוטיליטיס זענען אריינגערעכנט
- די ליסטינג קען אויך זאגן וועלכע יוטיליטיס זענען אריינגערעכנט. *צום ביישפיל: הייצונג און הייסע וואסער זענען אריינגערעכנט.*
- איר קענט פרעגן די מעקלער אדער אייגנטומער (לענדלארד)

**<u>קען איך צושטימען צו באצאלן די צווישנשייד צום לענדלארד?</u>**

ניין, איר קענט נישט צושטימען צו באצאלן די צווישנשייד צום לענדלארד. דאס איז באקאנט אלץ א "זייטיגע אפמאך" און לענדלארדס זאגן צו דאס נישט צו טוען ווען זיי נעמען אן די וואוטשער. דאס העלפט צו פארזיכערן אז אייער רענט איז די סומע וואס שטייט אין די ליעס און האלט רענט אפארדעבל פאר יעדע איינער.